אין אידיש

סוכות
ט"ו תשרי שנת תשפ"ז

# ויאמר אליהו

שמועסן און חיזוק
ווערטער, אין אמונה און
בטחון און נאך



מאת הרב **אלי' מאיר סמיט** שליט"א

בית המדרש תוספות יו"ט ירושלים » 347-897-9968 \ -058-323


בס"ד

## נאכדעם וואס דער מענטש ווערט גערייניגט פון די עבירות אום יום כיפור, קען מען מקבל זיין די הארה פון מצות סוכה!!!

### » וואס איז דער ענין צו בויען די סוכה גלייך מוצאי יום כיפור??

שרייבט די **רמ"א** (בסוף סי' תרכ"ד און אין סימן תרכ"ה) ווי פאלגענד: "מען איז מדקדק אנצוהייבן גלייך מוצאי יום כיפור צו בויען די סוכה, כדי ארויסצוגיין פון איין מצוה צו די אנדערע".

און מען דארף אריינטראכטן, פארוואס זאל מען דארפן עוסק זיין דוקא אין די מצוה פון סוכה, כדי מקיים צו זיין דעם 'ענין' פון 'גיין פון איין מצוה צו די צווייטע'. לכאו' איז משמע פון דעם, אז עס איז פאראן עפעס אן אינערליכע שייכות צווישן יום הקדוש און די מצוה פון סוכה, און נישט אז די צוויי מצוות האבן זיך 'צופעליג' צוזאמגעטראפן אין די זעלבע צייט.

די **טור** שרייבט (אין סימן תי"ז) ווי פאלגענד: "...און איך האב געהערט פון מיין ברודער הרב יהודה וכו', אז די ימים טובים האט מען מתקן געווען אקעגן די אבות, פסח איז אקעגן אברהם, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק לוּשִׁי וַעֲשִׂי עֻגוֹת (בראשית יח, ו) און דאס איז געווען אום פסח. שבועות איז אקעגן יצחק, ווייל די תקיעות פון מתן תורה איז דאך געווען פון די איל פון יצחק. סוכות איז אקעגן יעקב, אזוי עס שטייט וּלְמִקְנֵהוּ עָשָׂה סֻכֹּת (בראשית לג, יז)", עכ"ל פונעם טור.

און מען דארף פארשטיין דער גאנצער ענין וואס יעקב האט גערופן יענע פלאץ מיטן נאמען 'סוכות', און נישט 'בית', צו דען איז די עיקר זאך וואס ער האט געטוהן דארט אויף יענעם פלאץ איז געווען די סוכות, ער האט האט דאך דארט געוואוינט א גאנצע יאר אין א האלב, ער מיט זיינע ווייבער און קינדער. און בכלל, פון ווען רופט א מענטש אן די נאמען פון א פלאץ אויף דעם וואס ער האט געטוהן פאר זיינע שאף א סוכה, ווען איז אינטרעסאנט וואס ער האט געבויעט פאר זיינע שאף.

אבער אין **זוהר הק'** (רעי"מ קא.) ווערט גערברענגט וואונדערליכע זאכן אויף דעם גאנצע ענין ארום יעקב און עשיו, וואס דאס אלעס איז מרמז אויף די הייליגע טעג, ראש השנה יום הקדוש און סוכות, ווי עס שטייט ווי פאלגענד: "וַיִּשְׂטֹם עֵשָׂו אֶת יַעֲקֹב לְמֵיזַל אֲבַתְרֵיהּ וּלְקַטְרְגָא לֵיהּ תָּדִיר (-איהם נאכצוגיין און זיך שטענדיג רייצן מיט איהם). וְיַעֲקֹב אָזִיל (-און יעקב איז געגאנגען) בְּאִינוּן יוֹמִין דְּבֵין רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְיוֹם הַכִּפּוּרִים (-אין יענע טעג, צווישן ראש השנה און יום כיפור) עָרִיק לְאִשְׁתְּזָבָא מִנֵּיהּ (-ער איז אנטלאפן כדי צו געראטעוועט ווערן פון איהם). תָּב בִּתְיוּבְתָּא שַׁוֵּי גַּרְמֵיהּ בְּתַעֲנִיתָא (-ער האט תשובה געטוהן, און געפאסט), עַד דְּאָתֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְיוֹם הַכִּפּוּרִים (-ביז עס איז אנגעקומען ר"ה און יו"כ), כְּדֵין יָדְעֵי יִשְׂרָאֵל דְּעֵשָׂו בָּא וְעִמּוֹ אַרְבַּע מֵאוֹת אִישׁ (-דעמאלטס ווייסן די אידן אז עשיו קומט מיט פיר הונדערט מענטשן) כֻּלְּהוּ מְקַטְרְגֵי זְמִינִין לְקַטְרְגָא לוֹן (-אלע זענען זיי מקטרגים און זענען גרייט מקטרג צו זיין אויף זיי), וַיִּירָא יַעֲקֹב מְאֹד וַיֵּצֶר לוֹ, סַגֵּי בְּצָלוֹתִין וּבָעוּתִין (-האט ער מרבה געווען מיט תפילות און בקשות), וכו'."

"וּכְדֵין אַהֲדַר עֵשָׂו אַפִּטְרוֹפּוֹסָא דְּיַעֲקֹב (-דעמאלטס האט עשיו געוואלט כביכול זיך זארגן פאר יעקב) וְיַעֲקֹב לֹא בָעָא דוּבְשֵׁיהּ ועוּקְצֵיהּ (-אבער יעקב האט נישט געוואלט נישט זיין גוטס און נישט זיין שלעכטס. דעריבער האט יעקב געזאגט) יַעֲבָר נָא אֲדוֹנִי לִפְנֵי עַבְדּוֹ. כְּדֵין (-איז דעמאלטס) וַיָּשָׁב בַּיּוֹם הַהוּא עֵשָׂו לְדַרְכּוֹ, אֵימָתַי, בְּשַׁעַת נְעִילָה, דְּהָא אִתְפְּרַשׁ מְעַמָּא קַדִּישָׁא (-ווייל ער האט זיך אפגעשיידט פון כלל ישראל), וְקוּב"ה שָׁבִיק לְחוֹבֵיהוֹן וְכִפֵּר עֲלַיְיהוּ (-און דער אייבערשטער לאזט אפ די אלע חובות פון כלל ישראל און ער פארגעבט זיי). כֵּיוָן דְּהַהוּא מְקַטְרְגָא אֲזַל בְּהַהוּא דוֹרוֹנָא וְאִתְפְּרַשׁ מִנַּיְיהוּ (-וויבאלד די מקטרג איז אוועקגעגאנגען מיט יענע מטתה (ווי עס שטייט פארדעם), און האט זיך אפגעטיילט פון זיי) בָּעֵי קב"ה לְמֶחֱדֵי בִּבְנוֹי (-וויל זיך דער אייבערשטער פרייען מיט כלל ישראל) מַה כְּתִיב וְיַעֲקֹב נָסַע סֻכֹּתָה וַיִּבֶן לוֹ בֵּית וְגוֹ'. עַל כֵּן קָרָא שֵׁם הַמָּקוֹם סֻכּוֹת. כֵּיוָן דְּיָתְבוּ בְּסֻכּוֹת הָא אִשְׁתֵּזִיבוּ מִן מְקַטְרְגָא (-וויבאלד זיי זיצן אין סוכה, ווערט מען געראטעוועט פון די מקטרג) וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חָדֵי בִּבְנוֹי (-און דער אייבערשטער פרייעט זיך מיט זיינע קינדער). זַכָּאָה חוּלְקֵהוֹן בְּהַאי עַלְמָא וּבְעַלְמָא דְּאָתֵי (-וואויל זענען זייער חלק אויף דער וועלט און אויף יענע וועלט)", עכ"ל הזוה"ק.

פון די ווערטער פון די זוהר הק' זעען מיר, אז איז פאראן א טיפע סוד אין דעם וואס יעקב אבינו האט אנגערופן די פלאץ מיטן נאמען 'סוכות', ווייל פון 'אונטער די קוליסן' האט זיך אפגעטוהן א שווערע געראנגעל צווישן די כוחות הטומאה און כלל ישראל. און דאס אנרופן דאס פלאץ מיטן נאמען 'סוכות', איז מרמז אז כלל ישראל לויפט אריין אין די סוכה וואס היט זיי פון די מקטרגים.

און אין ספר **חמדת הימים**, איז ער מסביר לויט די ווערטער פונעם זוהר הק', די טעם פון די מנהג צו בויען די סוכה גלייך מוצאי יום הקדוש, ווי ער שרייבט ווי פאלגענד: "דעריבער פירן זיך מדקדקים און בעלי נפש, אז גלייך מוצאי יום כיפור נאכן סעודה, נאך פאר זיי טוהן עפעס א מלאכה, פאנגן זיין גלייך אן צו בויען די סוכה, דאס איז וועגן דעם טעם וואס שטייט אין פסוק וַיָּשָׁב בַּיּוֹם הַהוּא עֵשָׂו לְדַרְכּוֹ שֵׂעִירָה (בראשית לג, טז), וואס דאס איז מרומז אויף די שעיר פון יום כיפור וואס דאס איז די חלק פון עשיו, און ווי נאר די מקטרג טיילט זיך אפ, וְיַעֲקֹב נָסַע סֻכֹּתָה (שם יז), צו טוהן די מצוה פון סוכה", עכ"ל.

### » פארוואס איז יום טוב סוכות מסוגל אויף שמחה??

כדי מבאר צו זיין אביסל טיפער, די שייכות צווישן סוכות און ימים נוראים, דארף מען מעיין אין די טעם פון מצות סוכה. עס שטייט אין די תורה בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת, לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּהוֹצִיאִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם (ויקרא כג, מב-מג). ביי אלע אנדערע מצוה, זענען פאראן דיעות וואס האלטן אז מצוות צריכות כוונה, און אנדערע וואס האלטן אז אין צריכות כוונה. אבער ביי די מצוה פון סוכה, שרייבט די **ב"ח** (אנפאנג סי' תרכ"ה) אז יעדער איינער איז מודה אז מצוות צריכות כוונה, ווייל עס שטייט קלאר אין פסוק די טעם פון לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם.

פון די טעם וואס די תורה שרייבט ביי מצות סוכה זעהט מען, אז די עיקר טעם פון די מצוה איז, אז א איד זאל צוקומען צו אמונה אינעם אייבערשטן, אז ער האט באשאפן און ער פירט די די גאנצע וועלט, און ווען ער האט געוואלט האט ער אונז אונטערטעניגט אונטער די מצריים, און ווען ער וויל האט ער אונז ארויסגענומען פון דארט. און פון דעם וועט א מענטש זיך אויסלערנען, אז ביזן היינטיגן טאג, פירט זיך אלעס פונעם אייבערשטן פארן די טובה פון דעם מענטש, און אז ער ליגט אין גוטע הענט אייביג, אין יעדע רגע און אין יעדע מינוט.

און אזוי שרייבט די רשב"ם: "לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם - כדי איר זאלט געדענקען, כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל - אין מדבר, פערציג יאר, אן קיין יישוב און אן קיין נחלה, און דורך דעם וועט איר אפגעבן א שבח והודיה פארן אייבערשטן, אויף דעם וואס ער האט אייך געגעבן אזויפיל גוטע זאכן, און הייזער אנגעפילט

פון אלעם גוטן, און מען זאל זיך נישט איינרעדן אז מען איז אליין צוגעקומען צו דעם אלעם“.

**על פי** דעם איז די **ערוך לנר** מסביר (ביי די סיום פון מס' סוכה, עס איז געדריקט ביי די סוף פון די מסכתא) דאס וואס די גמ' זאגט (סוכה ב.) אז א סכוה וואס איז העכער צוואנציג אמות איז פסול, ווייל עס ווערט גערעכענט אז מען זיצט אין די שאטן פון די ווענט און נישט פון די סכך. איז ער מסביר, אז די ווענט וואס נעמען ארום די סוכה זענען מרמז אויף די עניני עולם הזה, וואס נעמען ארום דעם מענטש פון אונטן. אבער איינער וואס איז קלוג הייבט אויף די אויגן אויף ארויף, און ווייסט אז די סכך איז די עיקר, וואס איז מרמז אויף די השגחה עליונה וואס האלט אן אויג אויף איהם שטענדיג, און ער גלייבט אז דער אייבערשטער גיבט איהם אלע זיינע באדערפענישן א יעדע רגע. און דאס איז די עיקר פון די מצוה פון סוכה, אז א מענטש זאל געדענקן אז דאס אז דער אייבערשטער נעמט איהם ארום. דעריבער א סוכה וואס איז העכער צוואנציג אמות איז פסול וואס דאס איז מרמז, אז א מענטש וואס זיצט אין די שאטן פון די ווענט, דאס הייסט אז ער פארלאזט זיך אז דורך גשמיות'דיגע זאכן וועט ער געהאלפן ווערן, דאס איז פסול.

און דעריבער שטייט (סוכה ב.) 'גיי ארויס פון א דירת קבע, און גיי אריין אין א דירת ארעי', און ווי עס איז די לשון פונעם הייליגן **שפת אמת** זי"ע (תרמ"ה ד"ה מצות), אז די מצוה פון סוכה איז די מצוה פון בטחון אינעם אייבערשטן, אזוי ווי חז"ל זאגן (סוכה שם) 'גיי ארויס פון דיין דירת קבע', אז מען זאל זיך נישט פארזיכערן אין קיין עשירות און אין נכסים, נאר אינעם אייבערשטן.“

דעריבער איז עס 'זמן שמחתינו', ווייל עס איז נישט דא נאך אזא שמחה, ווי א שמחה פון איינער וואס פארזיכערט זיך אמת'דיג אינעם אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין ספר חובת הלבבות. און דעריבער זענען נתייסד געווארן די אלע תפלות און הושענות אין דעם יום טוב, כדי צו וויסן אז אלע ברכות פונעם גאנצן יאר איז אפהענגיג נאר אינעם אייבערשטן און זיך נישט פארזיכערן אין די תבואה וואס ער נעמט צוזאם יעצט אין די צייט פון די יאר.

און אויף דעם איז אויך מרמז די מצוה פון ניסוך המים וואס מען איז מקיים אוהם יו"ט סוכות, אז מען זאל געדענקן אויסצוגיסן דאס הארץ צום אייבערשטן, און געדענקן אז נאר ער קען העלפן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק בִּטְחוּ בוֹ בְכָל עֵת עָם שִׁפְכוּ לְפָנָיו לְבַבְכֶם (תהלים סב, ט).

און דאס איז אלעס איז דוקא אין די צייט פון יו"ט סוכות, וואס דעמאלטס איז די סעזאן פון איינזאמלען אלע תבואה וואס איז געוואקסן במשך די יאר, און וויפיל צייט און כוחות מען האט אריינגעלייגט און דעם, און מיט דעם אלעמען פאדערט די תורה, אז דוקא דעמאלטס זאל מען געדענקן דעם אמת, אז די וואס דער מענטש טוהט, האט נישט קיין שום עקזיסטענץ און דעם וואס דער אייבערשטער זאל אזוי באפעלן, און ער איז דער אמת'ער וואס שפייזט א יעדעם איינעם 'מקרני ראמים עד ביצי כינים'.

און אזוי שרייבט אויך דער **כלי יקר** אויפן פסוק כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת (ויקרא כג, מב), אז דעריבער שרייבט די תורה די לשון 'אזרח', ווייל דוקא דעמאלטס ווען דער מענטש פילט א גאנצע בעל הבית, נאכן מצליח זיין אפצושניידן די פירות אויף וואס ער האט געהארוועט א גאנץ יאר, און ער וויל זיך גיין אריינזעצן ביי זיך אין שטוב באקוועמערהייט 'מעשה בעל הבית', דוקא דעמאלטס וויל דער אייבערשטער אז דער איד זאל ארויסגיין אין די סוכה, און א פראוויזארישע געצעלט, כדי איינצוקריצן ביי זיך גוט, אז ער איז קיינמאל נישט קיין בעל הבית.

### » מען איז אויף דער וועלט נאר צייטווייליג!!

און עס ליגט אין דעם ענין נאך א טיפערע געדאנק, אז די יו"ט סוכות קומט אונז לערנען אז נישט נאר אז מיר זאלן נישט פילן 'בעל הבית' כלפי אונזערע נכסים, נאר אז בכלל אויף דער וועלט זאלן מיר געדענקן אז מיר זענען דא אויף צייטווייליג און מיר זאלן זעהן אריינצוכאפן ווי מער רוחניות און נצחיות.

און מיט דעם איז דער שפת אמת מדייק דעם פסוק חַג הָאָסִיף תְּקוּפַת הַשָּׁנָה וגו' (שמות לד, כב), אז פון די 'חג האסיף' דארף מען משפיע זיין אויף א גאנץ יאר, צו שפירן אז מיר זענען אויף דער וועלט נאר צייטווייליג“, עכ"ד.

און מיט דעם זענען די קדמונים מסביר די הלכה אז די סכך דארף ווערן געמאכט דוקא פון זאכן וואס זענען נישט מחובר לקרקע, כדי מען זאל פילן און געדענקן די פראוויזארישקייט פון די וועלט, און זיין אפגעהאקט פון די 'קרקע' - די 'גשמיות'.

און מען זאגט נאך בשם רבי מנחם מענדל פון קוצק זי"ע, אז ער האט געטייטשט בדרך הלצה, 'המצטער פטור מן הסוכה', איינער וואס איז מסוגל צו פילן צער אין די סוכה, דאס איז א סימן אז ער האט נאכנישט קיין שייכות מיט די מצוה פון סוכה, ווייל די גאנצע סוכה איז דאך געמאכט זיך אפצוטיילן פון די גשמיות, און אז ער איז זיך מצטער, איז עס א סימן אז ער איז פטור פון די סוכה.

**און** אזוי שטייט בדרך מליצה א פשט אויף וואס חז"ל זאגן אז 'רעגן אין יום טוב סוכה, איז א שלעכטע סימן', אז פשט איז אז 'גשמים' איז מרמז אויף די 'גשמיות' פון די וועלט, און ווען א מענטש איז אום יו"ט סוכות פארנומען מיט דעם 'גשמיות', איז דאס א שלעכטע סימן פאר איהם...

"...דעריבער נאך יום כיפור ווען כלל ישראל זענען ריין געווארן וכו', און ווי מער מען דערווייטערט זיך פון די תאוות פונעם גוף, אלץ מער ווערט ערוועקט די נפשית'דיגע ליבשאפט און מען לעכצט צום אייבערשטן, און מען איז זוכה צו די סוכה.."

### » ווי אזוי קען מען שפירן דאס צייטווייליגקייט פון די וועלט??

עס איז קלאר איז כדי אנצוקומען צו א מצב אז דער מענטש זאל פילן אז זיין גאנצע מציאות אויף דער וועלט איז נאר צייטווייליג, דארף ער זיך גוט אויסרייניגן פון זיין 'טמטום הלב', און ווי לאנג דער מענטש איז נאך ארומגענומען מיט זיינע פגמים און עבירות, איז זייער שווער אז ער זאל צקומען צו אזא געפיל.

און אזוי ווי די שפת אמת שרייבט (סוכות תרנ"א) ווי פאלגענד: "אין די יעצטיגע טעג פון סוכות, זענען כלל ישראל זיך משתוקק צו רוהן אונטער די שאטן פונעם אייבערשטן, ווייל די עצם נשמות פון כלל ישראל ווערן נאכגעשלעפט נאכן אייבערשטן, נאר די הבלי עולם הזה מאכן אז דער מענטש זאל מסיח דעת זיין פון דעם. דעריבער נאך יום כיפור ווען כלל ישראל זענען ריין געווארן וכו', און ווי מער מען דערווייטערט זיך פון די תאוות פונעם גוף, אלץ מער ווערט ערוועקט די נפשית'דיגע ליבשאפט און מען לעכצט צום אייבערשטן, און מען איז זוכה צו די סוכה“, עכ"ל.

דעריבער פארשטיין מען זייער גוט, אז גלייך נאכדעם וואס מען איז אויסגערייניגט געווארן פון די טמטום הלב, אום יום הקדוש, נעמט מען זיך תיכף ומיד צו די מצוה פון סוכה, וואס ברענגט אויף דער מענטש די שלימות און די איינערקענונג אז מען איז אויף דער וועלט נאר צייטווייליג.

און אזוי ווי מיר האבן שוין אסאך מאל דערמאנט די ווערטער פונעם הייליגן **רמב"ן** (אין ספר האמונה והבטחון פי"ט) אויפן פסוק אִם תָּעִירוּ וְאִם תְּעוֹרְרוּ אֶת הָאַהֲבָה עַד שֶׁתֶּחְפָּץ (שיר השירים ב, ז), אז דאס קומט מרמז זיין, אז ווען א מענטש באקומט א התעוררות אויף עפעס א זאך, זאל ער עס תיכף ומיד ארייגלייגן אין א מעשה, וואס די מעשה דריקט אויס אט די התעוררות, און דורך דעם וועט בלייבן אייביג א זכר פון דעם התעוורות.

ממילא נאכן באקומען אזא ריינקייט און אויסגעלייטערטקייט אום יום כיפור, איז נישט מער ווי פאסיג, אז מען זאל תיכף ומיד נאך יו"ט אנפאנגען צו בויען די סוכה, וואס וועט פאראייביגן אט דעם רייניגקייט, דורך דעם וואס עס וועט איינקריצן אינעם מענטש אז דער לעבן אויף דער וועלט איז נארצייטווייליג, ממילא דארף מען זעהן אריינצוכאפן ווי מער מצוות ומעשים טובים, און זיך אפהיטן זייער שטארק פון זיך נאכאמאל פארשמירן.